## בשעתן שוואַרצן רעגן

*העבים שואבים מים מן התהומות (פּרדס א)*
*ענגין הן דמכסין על עינא (זוהר)*

ווי כוואַליעס פון ים ליאַרמען פֿאַרביי די מעת-לעתן
איבער גאַסן און מענטשן און גרויסע שטעט
און שוימען אומרואיק און ווילד,
טראָגנדיק אין זיך דעם אונטערגאַנג.

ווען אונדזער לעבן
פֿאַלט יונגערהייט און פֿאַרשמאַכט אַראָפּ
און טרינקט זיך אָן
מיט זייער האַרבן זאַלציקן געַרויש, —
זאַמלען זיך דיקע וואָלקנס
אויף דער ליכטיקער פֿלאַך פֿון אונדזער נשמה.

און דערשראָקענע ציען מיר זיך איין
אין ענגסטן ווינקל פֿון אונדזער זיין;
מיר האָבן מורא פֿאַר יעדן קלאַנג און באַוועגונג,
ווי דער, וואָס ליגט האַלב-וואַך און אַליין
אין שטערנלויזער שפּעטער ווינטיקער נאַכט
און פֿילט אין אַנגסטן און זעט:
זיינע געשטאָרבענע ברידערלעך
זענען צו אים געקומען
און שלעפּן אים פֿאַר די פֿינגער פֿון די פֿיס
צו זיך...
אונדזערע פֿאַרלוירענע בליקן
רייסן זיך צו די פֿענצטער,
נאָר אַזוי לאַנג איז נאָך צו טאָג,
און דערווייל שפּרייזט אונדז איבער די קעפּ,
גרייז און אַלט דורך דער לאַסט פֿון אַ שווערן חלום,
כמאַרע נאָך כמאַרע.
און עס רעגענען אונדזערע אויגן שיטער, האַרבסטיק —
און עס רעגענען אונדזערע אויגן.

דורך נאַסע, זיך אַליין באַקלאָגנדיקע נעכט,
טראָגט זיך איבער גאַסן און מענטשן און גרויסע שטעט,
ווי ווייט אַ הייזעריק געשריי קאָן דערגרייכן:

״דו קענסט פֿון אייביק אָן
אונדזער צייט - דעם קלוגן, ערנסטן עדות פֿון דעם שוואַכן מענטש,

דו ווייסט אונדזערע ערטער – ווילדע וועגן אין אַ ווילדן וואַלד,
און דו האָסט געשוואוירן,
ביי דער הייליקייט פֿון דיין רחמנות,
נישט לאָזן אונטערגיין
אונדזער קליינע וועלט:
זע, אונדזערע אַלטע ביימער האָט אומגעוואָרפֿן דער שטורעם,
מיר, יונגע,
שלאָגן פֿאַרצווייפֿלט די קעפּ ווי גראָזן אָן דער ערד,
קינדער שרעקן זיך פֿאַר דעם רעגן, וואָס פֿאַלט
אין דער פֿינצטער, און וויינען; –
זע שוין צו אַמאָל דעם צער
פֿון די בלאַסע מאַמעס, וואָס מוזן שמייכלען
און טרייסטן מיט האַלבן מויל:
ער איז אַ גוטער... וועט אונדז מוחל זיין ...
און וואַגן נישט אויפֿהייבן
די קראַנקע ברעמען צום האָריזאָנט ––
אויף ווען וואַרטסטו,
מיט דיין גרויסן, רויטן-בלויען בויגן
אין דער הייך? –––

(1920)